# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת בא, ו' שבט, שנת תשפ"ו לפ"ק — שנה 15, גליון 17 (735)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:45
מוצאי שבת קודש............6:16

**שיעורים כסדרן**
נ"ך............................איוב ל"ו
בבלי.........................מנחות י"ג
ירושלמי.....................גיטין ד'
תוספתא....................ברכות ד'
רמב"ם....מלכים ומלחמותיהם ג'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיְהִי חֹשֶׁךְ עַל אֶרֶץ מִצְרַיִם וְיָמֵשׁ חֹשֶׁךְ. דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּרֶעגְט (תּוֹרַת מֹשֶׁה, פָּרָשַׁת בֹּא), פַּארְוָואס הָאט אוֹיסְגֶעפֶּעלְט בַּיי מַכַּת חוֹשֶׁךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מַאכְן אַזַא וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַכָּה, עֶס זָאל זַיין פִינְסְטֶער פַּאר דִי מִצְרַיִים אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט לִיכְטִיג פַּאר דִי אִידְן, לוֹיט וִוי רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דִי צְוֵויי טַעֲמִים פַּארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט מַכַּת חוֹשֶׁךְ, כְּדֵי דִי מִצְרַיִים זָאלְן נִישְׁט זֶען וִוי דִי אִידִישֶׁע רְשָׁעִים שְׁטַארְבְּן, אוּן כְּדֵי דִי אִידְן זָאלְן קֶענֶען נִישְׁטֶערְן אִין דִי פַארְמֶעגְנְס פוּן דִי מִצְרַיִים, וָואלְט דָאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעקֶענְט מַאכְן אַז דִי מִצְרַיִים זָאלְן וֶוערְן בְּלִינְד, נִישְׁט פִינְסְטֶער.

אִיז דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר מַסְבִּיר, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּלִינְד לֹא עָלֵינוּ גֵייט אַרִיבֶּער דֶער כֹּחַ פוּן זַיינֶע אוֹיגְן צוּ אֵיינֶע פוּן זַיינֶע אִיבְּרִיגֶע חוּשִׁים, פוּן אֵיין זַייט זֶעט עֶר טַאקֶע נִישְׁט, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט פַארְדִינְט עֶר אַז זַיינֶע אַנְדֶערֶע חוּשִׁים אַרְבֶּעטְן שְׁטֶערְקֶער וִוי בַּיי אַ צְוֵוייטְן, דָאס אִיז אָבֶּער נָאר וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בְּלִינְד, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶען זֶען נָאר עֶר זִיצְט אִין אַ טוּנְקֶעלֶע שְׁטוּב, וֶוערְן נִישְׁט זַיינֶע אִיבְּרִיגֶע חוּשִׁים שְׁטֶערְקֶער. דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט עֶס זָאל וֶוערְן פִינְסְטֶער פַאר דִי מִצְרַיִים, כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען זֶען, אוּן דֶערְבַּיי גָארְנִישְׁט פַארְדִינֶען דֶערְפוּן.

טַייטְשְׁט עֶר דֶערְמִיט וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בֵּיצָה לב:): "כָּל הַמְצַפֶּה עַל שֻׁלְחַן אֲחֵרִים עוֹלָם חָשַׁךְ בַּעֲדוֹ", וֶוער עֶס דַארְף צוּקוּמֶען צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אִיז דִי וֶועלְט פִינְסְטֶער פַאר אִים; עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אַז עֶר אִיז גְלַייךְ צוּ אַ בְּלִינְדֶער מֶענְטְשׁ, נָאר 'דִי וֶועלְט אִיז אִים פִינְסְטֶער'. וַוייל עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן פַאר אַן אָרֶעמַאן אַז עֶר פַארְדִינְט דוּרְכְ'ן זַיין אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין אַנְדֶערֶע, וַוייל אַזוֹי דַארְף עֶר זִיךְ נִישְׁט פָּארֶען מִיט גָארְנִישְׁט, עֶר קֶען רוּאִיג לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן וֶוען עֶר דַארְף עֶפֶּעס קְלַאפְּט עֶר אַרַיין צוּ הַייזֶער אוּן מֶען שְׁטֶעלְט אַלֶעס צוּ וָואס עֶר דַארְף, דֶערְפַאר זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, עֶר אִיז גְלַייךְ צוּ 'עוֹלָם חָשַׁךְ', דִי וֶועלְט אִיז אִים פִינְסְטֶער, וָואס דֶעמָאלְט הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם נִיצְן דֶערְפוּן, דַאן וֶוערְן נִישְׁט דִי אַנְדֶערֶע חוּשִׁים שְׁטֶערְקֶער, אַזוֹי אוֹיךְ פַארְדִינְט דֶער אָרֶעמַאן גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן.

הָאב אִיךְ גֶעטְרַאכְט, אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ דֶער עִנְיָן פוּן אַ חָתָן; אַלֶע מוּטְשֶׁען זִיךְ "פַארְוָואס דַארְף מֶען מְשַׂמֵּחַ זַיין אַ חָתָן?" נָאר דֶער חָתָן אִיז בִּיז יֶעצְט גֶעוֶוען אַ 'מְצַפֶּה עַל שֻׁלְחַן אֲחֵרִים', מֶען הָאט אִים אַלֶעס צוּגֶעשְׁטֶעלְט, פְרִישְׁטָאג אוּן נַאכְטְמָאל, אוּן עֶר הָאט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען אוּמְגֶעשְׁטֶערְט, עֶר אִיז גֶעזִיצְן מִיט זַיין חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנָיוֹת, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים, קֶען עֶר טְרַאכְטְן: "וָואס פֶעלְט דָאס אוֹיס? פַארְוָואס דַארְף אִיךְ חֲתוּנָה הָאבְּן?" קוּמְט מֶען מְשַׂמֵּחַ זַיין דֶעם חָתָן אוּן מֶען זָאגְט אִים: אֱמֶת אַז פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער דַארְפְסְטוּ אָנְהֵייבְּן זָארְגְן וְכוּ' אָבֶּער אַ בָּחוּר אִיז 'עוֹלָם חָשַׁךְ בַּעֲדוֹ', עֶס קוּקְט טַאקֶע אוֹיס וִוי אַלְס בָּחוּר קֶען מֶען בֶּעסֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען, אָבֶּער וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה אִיז מֶען מֶער מַרְוִיחַ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יוֹמָא עב:): וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה? "נוֹשֵׂא אִשָּׁה, וְאַחַר כָּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה", אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה אוּן נָאכְדֶעם לֶערְנְט מֶען תּוֹרָה.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, בֹּא תשפ"ב, אֶצֶל שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט

ס'אִיז דָא אַזַא אוֹיסְדְרוּק וָואס מֶענְטְשְׁן נוּצְן אוֹיף אֵיינֶעם אַז "יֶענֶער הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט". דָאס נוּצְט מֶען גֶעוֶוענְלִיךְ אוֹיף אַ בַּאקַאנְטֶער פֶּערְזֶענְלִיכְקֵייט וָואס אִיז גָאר שְׁטַארְק פָּאפּוּלֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר הָאט אַסַאךְ נָאכְפָאלְגֶערְס. אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ זָאגְט זִיךְ אַן אוֹיסְדְרוּק אַז עֶר נֶעמְט אַיין דִי וֶועלְט.

דָאס אִיז אָבֶּער אַ פַאלְשֶׁער אוֹיסְדְרוּק. אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט. עֶס אַרְבֶּעט פַארְקֶערְט, דִי וֶועלְט נֶעמְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאךְ אֵיידֶער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ שַׁאנְס אַיינְצוּנֶעמֶען דִי וֶועלְט. דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז עֶר גֵייט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט, וָואס בְּלַייבְּט אָבֶּער אִיבֶּער צוּם סוֹף פוּן אַ מֶענְטְשׁ? דִי וֶועלְט נֶעמְט אִים אַרַיין, אוּן עֶס בְּלַייבְּט נָאר אַ בֶּערְגֶל עֶרְד.

דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זי"ע הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אוּן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַ מָשָׁל. מֶען זֶעט וִוי אַ שׁוֹחֵט פִירְט אַן אָקְס צוּ דִי שְׁחִיטָה, דֶער אָקְס קֶען זִיךְ צֶעווִילְדֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג אוּן אָנְהוֹיבְּן אַוֶועקְצוּלוֹיפְן, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אִים גוּט אָנְכַאפְּן, צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ אַן אַייזֶערְנֶעם קֵייט אָדֶער אַ
<<<<<<

## א גוט ווארט

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כּוֹחוֹת, אוּן אֲפִילוּ עֶס זֶעט אַייךְ אוֹיס וִוי אַלֶעס אִיז טוּנְקֶל, אַלֶעס אִיז שְׁוַוארְץ, זָאלְט אִיר אוֹיפְזוּכְן אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט אַייךְ, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קצה), מִיר זָאלְן אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אִין זַיינֶע צָרוֹת, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען אוּן גֶעוָוארְן פְרֵיילִיךְ אוּן גֶעקֶענְט אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשפ"ו)

**אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

# זַיי נִישְׁט בַּאבְלָאזְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין פְּטִירָה אַז עֶר וֶועט נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן נָאר אוֹיבּ עֶר וֶועט קֶענֶען אוֹיסְקֶערְן דִי גֵיהִנוֹם פוּן אַלֶע נְשָׁמוֹת, אוּן צַדִיקִים הָאבְּן דֶערְצֵיילְט אַז אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, אוּן אוֹיךְ אִיז שׁוֹין אַזוֹי גֶעבְּלִיבְּן, אַז יֶעדֶע יָאר ד׳ שְׁבַט קֶערְט דֶער צַדִיק אוֹיס דֶעם גֵיהִנוֹם.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, דֶער צַדִיק הָאט גֶעהַאט אַ הֵיילִיגֶע מִנְהָג, יֶעדְן טָאג נָאכְן דַאוֶונֶען אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים אִיז עֶר אַרִיבֶּער בַּיי דִי שְׁטִיבֶּער פוּן דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, יְתוֹמִים אוּן אַלְמָנוֹת, אוּן זֵיי גֶעגְרִיסְט ׳גוּט מָארְגְן׳ מִיט אַ שְׁמֵייכְל; אַלֶע הָאבְּן שׁוֹין אָפְּגֶעוַוארְט, אַלֶע זֶענֶען גֶעזֶעצְן בַּיי דִי טְרֶעפּ פוּן דִי שְׁטִיבֶּער אוּן גֶעוַוארְט אוֹיף דִי וַוארֶעמֶע ׳גוּט מָארְגְן׳, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי גוּט מִיט דֶעם, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט מַמָשׁ וִוי דֶער צַדִיק אִיז זֵייעֶר טַאטֶע.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ טוּן, דַארְפְסְט נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אַלֶע גַאסְן וְכוּ׳, אָבֶער דָארְט וואוּ דוּ גֵייסְט סַיי וִוי, גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שׁוּל נָאכְן דַאוֶוענֶען, זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין אַזוֹי בַּאבְלָאזְן אוּן אַרִיבֶּערְגֵיין מֶענְטְשְׁן אָן גְרִיסְן, אָן שְׁמֵייכְלֶען, גְרוּס יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל, מֶען קֶען זִיךְ אַיינְקוֹיפְן עוֹלָם הַבָּא מִיט אֵיין שְׁמֵייכְל, מִיט אַ גוּט וָוארְט.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ אִין שְׁטוּבּ, דַיין וַוייבּ אוּן דַיינֶע קִינְדֶער; זָאלְסְט זֵיי גְרִיסְן אוּן שְׁמֵייכְלֶען אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, דָאס אִיז אַזַא הֵיילִיגֶע זַאךְ, פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, עֶס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם וֶוען מִיר פַארֶערְכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף פַארֶערְכְטְן - קֶען מֶען אַלֶעס פַארֶערְכְטְן מִיט פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

טוּ אַ טוֹבָה מִיט אַ צְוֵוייטְן, גֶעבּ אַ הַאנְט פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, דִי וֶועלְט שְׁטֵייט דָאךְ נָאר אוֹיף חֶסֶד, דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן צוּלִיבּ וָואס מֶען וֶועט טוּן חֶסֶד. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ח, ה), אֵיידֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דִי מַלְאָכִים אוֹיבּ מֶען זָאל בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, זֶענֶען גֶעקוּמֶען גְרוּפֶּעס גְרוּפֶּעס מַלְאָכִים, אֵיין גְרוּפֶּע הָאט גֶעזָאגְט יָא, אֵיין גְרוּפֶּע הָאט גֶעזָאגְט נֵיין, "חֶסֶד אוֹמֵר יִבָּרֵא, שֶׁהוּא גּוֹמֵל חֲסָדִים", חֶסֶד הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר גֵייט טוּן חֶסֶד; דָאס אִיז תִּיקּוּן שׁוֹבָבִי"ם, אַז מֶען הֶעלְפְט אַנְדֶערֶע, אוּן דָאס זָאלְסְטוּ אוֹיסְלֶערְנֶען דַיינֶע קִינְדֶער, טוּן חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, קֵיינְמָאל נִישְׁט זָאגְן נֵיין פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּשַׁלַּח תשפ"ה)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

שְׁטַארְקֶע שְׁטְרִיק. אוֹיפְ׳ן וֶועג צוּ דִי שְׁחִיטָה קֶען מֶען אַסַאךְ מָאל זֶען וִוי דֶער אָקְס נֶעמְט זִיךְ לוֹיפְן פָארְאוֹיס אוּן עֶר שְׁלֶעפְּט דֶעם שׁוֹחֵט, אוּן עֶטְלִיכֶע מִינוּט שְׁפֶּעטֶער גֵייט עֶס פַארְקֶערְט, אַז דֶער אָקְס שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אוּן עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים גֵיין וַוייטֶער, אוּן דַאן דַארְף דֶער שׁוֹחֵט אִים שְׁלֶעפְּן מִיט כֹּחַ. אַזוֹי גֵייט עֶס אַהִין אוּן צוּרִיק, אַמָאל שְׁלֶעפְּט דֶער שׁוֹחֵט דֶעם אָקְס, אוּן אַמָאל שְׁלֶעפְּט דֶער אָקְס דֶעם שׁוֹחֵט. דֶער וָואס קוּקְט דָאס צוּ פוּן דֶער זַייט, וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער עֶס שְׁלֶעפְּט בֶּאֱמֶת וֶועמֶען. שְׁפֶּעטֶער אָבֶּער, וֶוען דֶער שׁוֹחֵט שֶׁחְט דֶעם אָקְס, דַאן וֶוערְט מֶען גֶעוָואוֹיר דֶעם אֱמֶת אַז דֶער שׁוֹחֵט אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט גֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם אָקְס.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיף דֶער וֶועלְט - הָאט דֶער צֶמַח צֶדֶק אוֹיסְגֶעפִירְט. ווִילַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען נִישְׁט וִויסְן וֶוער עֶס גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף וֶועם. אַמָאל קֶען אוֹיסְזֶען וִוי דֶער מֶענְטְשׁ שְׁלֶעפְּט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער דֶער סוֹף פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ׳ס יָארְן, וֶוען עֶס קוּמְט זַיין צַייט אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, מֶען נֶעמְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין דֶער עֶרְד, דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען גֶעוָואוֹיר וֶועט עֶס גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף וֶועמֶען. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט... וַוייל דִי וֶועלְט קֶען קֵיינֶער נִישְׁט אַיינְנֶעמֶען.

פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז נָאכְאַלְץ דָא אַ וֶועג וִוי אַזוֹי יֶעדֶער קֵיינֶער קֶען יָא אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט...

דֶער וֶועלְט וֶוערְט גֶערוּפְן "עוֹלָם". דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן פוּן "הַעֲלָמָה", וָואס דָאס מֵיינְט "בַּאהַאלְטְן". דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נוּצְט דִי וֶועלְט אוֹיף צוּ שְׁפִּילְן "בַּאהַאלְטְן" מִיט דִי מֶענְטְשְׁן. וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע וֶועלְט זֶעט מֶען אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן מִיט אַזוֹיפִיל פוּן זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע אוֹיפְטוּעֶן, אַז עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז מֶענְטְשְׁן פִירְן טַאקֶע דִי וֶועלְט. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס שְׁטֵייט אוּנְטֶער דִי וֶועלְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוּן עֶר פִירְט יֶעדֶע רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דִי חָכְמָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֶוען עֶר קֶען אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט, עֶר וֶוערְט גֶעוָואוֹיר דֶעם אֱמֶת אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז אַ קוּנְץ, אוּן אֵיינֶער וָואס קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט. עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דֶעם "עוֹלָם". פַאר אִים קֶען מֶען נִישְׁט שְׁפִּילְן בַּאהַאלְטְן. עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אַז אוּנְטֶער אַלֶע אַקְטִיוִויטֶעטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט גֶעפוּנְט זִיךְ אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט אַלֶעס פוּן הוּנְטֶער דִי קוּלִיסְן.

וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ צוּקוּמֶען דֶערְצוּ? דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן דוּרְכְ׳ן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אִים שְׁמוּעֶסְט עֶר אוֹיס מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר בֶּעט זַיין הִילְף וֶוען עֶס גֵייט אִים שְׁוֶוער, אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט. דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן אוֹיפְצוּאַוִויקְלֶען פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ דֶעם אֱמֶתְ׳ן פָּנִים פוּן דֶער וֶועלְט. עֶס שֵׁיילְט זִיךְ אָפּ דִי דְרוֹיסְנְדִיגֶע שִׁיכְט וָואס פַארְשְׁטֶעלְט דֶעם מֶענְטְשׁ׳ס אוֹיגְן, אוּן דַאן זֶעט עֶר מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן וָואס עֶס לִיגְט פוּן אִינֶעוֵוייניג - נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים י, כ) "וּבוֹ תִדְבָּק" - עֶס אִיז אַ מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה אַז מֶען דַארְף זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואס מֵיינְט זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

לָאמִיר נֶעמֶען צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ פַּאפִּיר אוּן עֶס צוּזַאמְקְלֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם מִיט שְׁטַארְקֶע קְלֶעבּ, וָואס וֶועט דַאן פַּאסִירְן? דִי צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ פַּאפִּיר וֶועט מֶען שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען אָפְּטֵיילְן אֵיינְס פוּן דִי אַנְדֶערֶע. אֲפִילוּ וֶוען מֶען וֶועט זֵיי צֶערַייסְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קְרַאפְט, וֶועט זִיךְ אֵייבִּיג מִיטְרַייסְן אֵיין שְׁטִיקְל

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט

מִיט דִי אַנְדֶערֶע. אוּן דָאס מֵיינְט צוּ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַארְף אַזוֹי סַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶר וֶועט וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים, אוּן דַאן וֶועט מֶען זֵיי שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען צֶעטֵיילְן. אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ יָא אָפְּרַייסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זִיךְ אָבֶּער אֵייבִּיג מִיטְרַייסְן אַ שְׁטִיקְל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אִים... דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ עֶר וֶועט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, וֶועט עֶר זִיךְ אָבֶּער אֵייבִּיג דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט וֶועט אִים אַרַיינְקוּמֶען אִין מַחְשָׁבָה אַז עֶס טוֹיג נִישְׁט אַזוֹי דֶער מַצָּב, עֶס אִיז צַייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר טַאקֶע אִינְגַאנְצְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (תְּהִלִּים קלט, ז) "פְּלִיאָה דַעַת מִמֶּנִּי נִשְׂגְּבָה לֹא אוּכַל לָהּ" - דָוִד הַמֶּלֶךְ וואוּנְדֶערְט זִיךְ אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "אָנָה אֵלֵךְ מֵרוּחֶךָ וְאָנָה מִפָּנֶיךָ אֶבְרָח" - וואוּ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען דֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ" - אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיפְפְלִיעֶן אִין הִימְל, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט. אַז דוּ וֶועסְט אַרָאפְּנִידֶערְן טִיף אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ דָארְט. עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט. נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט שׁוֹין אַלְץ אָפְּגֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי וַוייט עֶר אִיז שׁוֹין גֶעפַאלְן. דַארְף עֶר אֵייבִּיג וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאכְאַלְץ מִיט אִים. עֶר דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַזוֹי זַיין לֶעבְּן קוּקְט אוֹיס, אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בִּיז יֶעצְט, אוּן וואוּ אַהִין עֶר צִילְט אִין זַיין לֶעבְּן, וואוּ עֶר וִויל אַלְס אָנְקוּמֶען. אוּן דַאן וֶועט עֶר זֶען וִוי זַיין לֶעבְּן וֶועט זִיךְ דְרַאסְטִישׁ טוֹישְׁן צוּם גוּטְן. עֶר וֶועט הָאבְּן אַ לִיכְטִיג אוּן פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ חֵלֶק י' עֶרֶךְ עוֹלָם וְחֵלֶק י"ד עֶרֶךְ דְּבֵיקוּת)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רלז)

אִינְמִיטְן רֶעדְן וֶועגְן זַיין פְרֵיילִיךְ, הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז זֵיי דַארְפְן זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז זֵיי זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן צוּ קְרִיגְן אוֹיף אִים, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "בָּרוּךְ אֱלֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ וְהִבְדִּילָנוּ מִן הַתּוֹעִים - אִין צְוֵוייעֶן", מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוּנְז אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן דִי פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעטֶע, פוּן צְוֵויי סָארְטְן פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעטֶע, סֵיי פוּן דִי וָואס זֶענֶען אִינְגַאנְצְן פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט פוּן דִי תּוֹרָה, פוּן דִי גוֹיִם אוּן דִי אֶפִּיקוֹרְסִים, אוּן סֵיי פוּן דִי פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעטֶע וָואס קְרִיגְן אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן וִוי פַארְוואוּנְדֶערְט, "אוֹיף מִיר וָואלְט אִיר גֶעקְרִיגְט?!"

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶועְן צוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, "אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ אִיר וֵוייסְט נִישְׁט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, קֶענְט אִיר זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף מִיר, וַוייל אִיךְ וֵוייס יָא דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְמַאנְט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קל"ה, ה') "כִּי אֲנִי יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה'", אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט, "אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ אַזַא רֶבִּי".

אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י'), פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן יִשּׁוּב הַדַּעַת קֶען מֶען נָאר הָאבְּן וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען וֶוערְן דוּרְכְ'ן זוּכְן אוּן טְרֶעפְן גוּטֶע זַאכְן אִין זִיךְ. זֶע דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִינֶעוֵויינִיג.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין וֶוערְן פַארְרָאכְטְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס קוּמְט שׁוֹבָבִ"ים וִויל אִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן, אוּן נִישְׁט נָאר אִיךְ פַארְרֶעכְט נִישְׁט, נָאר אִיךְ וֶוער נָאר עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער, וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹיסְנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אוֹיף צוּ פַארְרֶעכְטְן אוּן וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען?

עַד מָתַי?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמא), עֶס אִיז גֶעוֶועְן אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין זוּן זָאל אִים אַרוֹיפְשְׁלֶעפְּן אַ גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערֶע שְׁטֵיין צוּ דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק, דֶער זוּן הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט טוּן דֶעם וִוילְן פוּן זַיין טַאטְן אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן דִי שְׁטֵיין אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶועְן. וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט גֶעזֶען וִוי זַיין קִינְד אִיז זִיךְ אַזוֹי מְצַעֵר הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: וֶוען אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט זָאלְסְט אַרוֹיפְשְׁלֶעפְּן דִי שְׁטֵיין הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן דוּ זָאלְסְט עֶס אַזוֹי אַרוֹיפְשְׁלֶעפְּן, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען אַ הַאק אוּן צֶעהַאקְן דֶעם שְׁטֵיין אוֹיף קְלֵיינֶע שְׁטֵיינְדְלֶעךְ אוּן אַזוֹי דָאס אַרוֹיפְטְרָאגְן, **"כְּמוֹ כֵן, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ צִוָּה עָלֵינוּ שֶׁנִּשָּׂא לְבָבֵנוּ אֶל כַּפַּיִם, אֶל אֵל בַּשָּׁמַיִם"**, אַזוֹי אוֹיךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז מִיר זָאלְן אוֹיסְרֵיינִיגְן אוּנְזֶער הַארְץ פַאר אִים, אָפְּלָאזְן דִי שְׁטוּתִים, אָפְּלָאזְן דִי דִמְיוֹנוֹת אוּן תַּאֲווֹת וְכוּ' אוּן אִים דִינֶען מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ, **"וּלְבָבֵנוּ הוּא לֵב הָאֶבֶן"**, אוּן וָואס טוּט מֶען אַז אוּנְזֶער הַארְץ אִיז אַ שְׁטִיק שְׁטֵיין? **"וְהוּא אֶבֶן גָּדוֹל וְכָבֵד מְאֹד"**, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערֶע שְׁטֵיין, **"וְאִי אֶפְשָׁר לְהָרִים אוֹתוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּשׁוּם אֹפֶן"**, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ דָאס צוּ רִירְן פוּן פְּלַאץ, **"רַק עַל יְדֵי שֶׁנִּקַּח פַּטִּישׁ וּנְשַׁבֵּר וּנְפוֹצֵץ אֶת לֵב הָאֶבֶן"**, נָאר אֵיין וֶועג אִיז דָא וִוי אַזוֹי מִיר וֶועלְן קֶענֶען אוֹיפְהֵייבְּן אוּנְזֶער הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר וֶועלְן נֶעמֶען אַ הַאק אוּן צֶעהַאקְן דִי הַארְץ אוֹיף פִּיצְלֶעךְ, **"וְאָז נוּכַל לְהָרִים אוֹתוֹ"**. נָאר אַזוֹי וֶועלְן מִיר דָאס קֶענֶען

<<<<<<

אוֹיפְהֵייבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהַפַּטִּישׁ הוּא הַדִּבּוּר", דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן דָאס אִיז דִי הַאק וָואס צֶעהַאקְט דֶעם שְׁטֵיינֶערְנֶעם הַארְץ, עַד כַּאן הַמָּשָׁל, וְהָבֵן.

נֶעם דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן, נֶעם דֶעם הַאק אוּן צֶעהַאק דֶעם שְׁטֵיין, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ הַאקְן נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן הָאבּ סַבְלָנוּת, וַוייל עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט, דַאן לוֹיפְן דִי קְלִיפּוֹת נָאךְ דֶעם מֶענְטְשׁ; וָואס מֵיינְסְטוּ, דִי קְלִיפּוֹת וּמַזִּיקִים וֶועלְן דִיךְ אִין אֵיין מִינוּט אַרוֹיסְלָאזְן פוּן זֵייעֶר נֶעץ? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן מִיט דֶעם הָאט מֶען בַּאשַׁאפְן שֵׁדִים וּמַזִּיקִים, זֵיי טוּעֶן נָאכְלוֹיפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, זֵיי ווִילְן שֶׁעדִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, זֵיי זֶענֶען בְּרוֹגֶז אוֹיפְן מֶענְטְשׁ פַארְוָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף דִי וֶועלְט אִין אַזַא נִידְרִיגֶע פְלַאץ, אוּן דָאס אִיז וָואס מֶען פַאלְט צוּרִיק.

מֵיין נִישְׁט אַז דִי אַלֶע מָאלְן וָואס דוּ הָאסְט מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז דוּ גֵייסְט זַיין גוּט אוּן נָאכְדֶעם בִּיסְטוּ צוּרִיק גֶעפַאלְן – אִיז נִישְׁט וֶוערְד, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מח): "וְדַע, שֶׁכָּל הַתְּנוּעוֹת וְהַהַעְתָּקוֹת, שֶׁאַתָּה נִתָּק וְנֶעְתָּק בְּכָל פַּעַם אֵיזֶה מְעַט מִן גַּשְׁמִיּוּת לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, כֻּלָּם מִתְקַבְּצִים וּמִתְחַבְּרִים וּמִתְקַשְּׁרִים וּבָאִים לְעֶזְרָתְךָ בְּעֵת הַצֹּרֶךְ, דְּהַיְנוּ כְּשֶׁיֵּשׁ, חַס וְשָׁלוֹם, אֵיזֶה דֹּחַק וְעֵת צָרָה, חַס וְשָׁלוֹם", דִי אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען פְּרוּבִּירְט זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן נֶעמֶען זִיךְ צַאם אוּן זֵיי הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס וֶוערְט שֵׁיינֶע זַאכְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשפ"ו)

# הערליכע הייזער אויפגעבויעט ברוך ה'

שטייענדיג אין די לעצטע פאזעס ביי פילע אידן וואס פארענדיגן יעצט בויען זייערע פראכטפולע הייזער, איז גרויס די שמחה אז דעם דינסטאג פרשת בא איז פארענדיגט געווארן גאר א גרויסע צאל געביידעס, מיט'ן סיום **ששה סדרי תוספתא** מיט'ן סדר פון די קהלה, וואס מיט דעם האבן פילע אידן זוכה געווען צו פארענדיגן א **בי"ת** נצחי, אן אייביגע הויז, אין וואס זיי וועלן קענען וואוינען און זיך באשיצן מיט הרחבת הדעת און שלוות הנפש אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, און גלייך א טאג שפעטער, מיטוואך תולדות, האט מען אנגעהויבן דעם 25'סטע מחזור פון תוספתא יומי, מען האט אנגעהויבן דעם ערשטן פרק, ברכות פרק א'.

שוין פילע צענדליגע יארן וואס ס'איז איינגעפירט ביי אנשי שלומינו צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא פון תלמוד בבלי און א דף פון תלמוד ירושלמי, אזוי ווי עס איז געדרוקט אין די לוח ברסלב. אין יאר תשנ"ח לפ"ק, אינעם יום טוב שבועות, דער טאג וואס מיר זענען מקבל די תורה פון דאסניי, האט מוהרא"ש צוגעלייגט אז מען זאל אויך לערנען יעדן טאג א פרק פון תוספתא, און מיט דעם האט מען א גאנצע "**בית**", **ב**'בלי **י**'רושלמי **ת**'וספתא, און שפעטער האט דער ראש ישיבה שליט"א צוגעלייגט אויך די לימודים פון א פרק רמב"ם און א קאפיטל פון נ"ך יעדן טאג.

מען זעהט אז בגשמיות זוכט יעדער צו האבן א שיינע געשמאקע גרויסע הויז פאר זיך און פאר די משפחה מיט ישוב הדעת, און אזוי זאגן חז"ל (סוכה נ"ז:) אז א דירה נאה איז איינס פון די זאכן וואס זענען מרחיבין דעתו של אדם. און אויב אזוי דארף דאך א מענטש זיכער זוכן אז ער זאל האבן א שיינע גוטע הויז אויך אויף יענע וועלט, וואס דאס בלייבט אויף אייביג, און מיט דעם וואס מען לערנט יעדן טאג **ב**'בלי **י**'רושלמי און **ת**'וספתא, וואס איז די ראשי תיבות "**בית**", און מען גייט עס איבער איין מאל און נאכאמאל, מיט דעם בויעט מען זיך אויף א שיינע הערליכע געשמאקע הויז אויף יענע וועלט, וואס דאס בלייבט פארן מענטש אויף אייביג.

מען זעט ליידער מענטשן וואס עס קען זיי דורכגיין די גאנצע זיבעציג יאר און זיי האבן נישט זוכה געווען אפילו איין מאל אדורך צו גיין און ענדיגן בבלי ירושלמי און תוספתא, און זיי גייען אוועק פון די וועלט אן קיין תורה, און עס איז א גרויס רחמנות אויף זייערע נשמות. דעריבער דארף מען האבן שכל און זעהן אריינצוכאפן צו לערנען יעדן טאג כאטש א דף בבלי, א דף ירושלמי און א פרק תוספתא, מען גרייט זיך אן גוטע שפעזן מיטצונעמען אויף יענע וועלט.

אויך אויף די וועלט דערציילן פילע אנשי שלומינו אז זיי האבן זיך פארגענומען צו לערנען יעדן טאג בבלי ירושלמי און תוספתא, און דורך דעם האבן זיי זוכה געווען גרינגערהייט צו באקומען שיינע הערליכע גרויסע הייזער מיט הרחבת הדעת.

דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א סדר דרך הלימוד (שיחות הר"ן סימן ע"ו), א וועג צו לערנען, וואס איז געאייגנט פאר יעדן איינציגן איד, אין יעדע צייט, און אין יעדע מצב. מען קען זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען זאגט און אפילו מען געדענקט נישט וואס מען האט געלערנט. עס הערט זיך מאדנע צום ערשטן מאל, אבער אז מען פרובירט עס אויס זעט מען די געוואלדיגע תועלת און הצלחה וואס מען באקומט דערפון, טעמו וראו כי טוב ה', מען דארף עס פרובירן צו שפירן די געוואלדיגע זיסקייט פון די הייליג תורה, מען איז זוכה צו לערנען גאר אסאך די הייליגע תורה, און מען קען איבערקומען פילע שוועריקייטן וואס דער יצר הרע שטעלט אונטער אז מען זאל נישט לערנען יעדן טאג כאטש אביסל תורה.

דער נייער מחזור אין תוספתא ברענגט א פרישע חשק פאר פילע אנשי שלומינו זיך אנצושליסן אין די לימודים. יעדע וואך קומט ארויס דער קונטרס "בי"ת נצחי", אין וואס עס איז אריינגעדרוקט די דריי לימודים פאר די גאנצע וואך, און אזוי קען מען עס גרינגערהייט מיטנעמען וואו מען גייט נאר, און אזוי וועט מען נישט פארפאסן א טאג אן די לימודים.

**גדול יהיה כבוד הבי"ת הזה!**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אברהם משה שטראססער** שליט"א קרית ברסלב
מנהל מוסדות היכל הקודש ברסלב
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **משה נחום בערגער** הי"ו לעיקוואד
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **יחזקאל בריסק** הי"ו קרית יואל
צו די שמחת החתונה פון זיין זון למזל טוב
החתן **יוסי בריסק** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **יואל בער ווייזער** הי"ו מאנסי

***

מו"ה **פנחס דוד וועבערמאן** הי"ו קרית ברסלב
צו די אפשערן פון זיין זון **נחמן נתן** נ"י למזל טוב


## פארלוירענע חברים

**איך האב געמיינט ער איז מיין בעסטער חבר,**
**ווען עס איז געקומען צו זיינע אינטערעסן,**
**האט ער גענצליך פארגעסן פון מיר?!**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 12, 1, 55**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**